**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/2/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שענקט מער פון 3 מיליאן דאלאר אין אפהיטונג שותפות פראגראם גרענטס**

***גרענטס פאר 45 לאנד טראָסטס צו באשיצן אפענע שטחים, פארבעסערן וואסער קוואליטעט און שטיצן לאקאלע עקאנאמיעס***

***העלפט ערפילן ניו יארק'ס ציהל צו באשיצן 30 פראצענט פון פובליק לאנד איבערן סטעיט ביז 2030***

***שטופט פאר קלימאט לייזונגען וועלכע זענען גאר וויכטיג פאר ניו יארק'ס קלימאט שריט פלאן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט מער פון 3 מיליאן דאלאר אין 'אפהיטונג שותפות פראגראם' (Conservation Partnership Program) גרענטס פאר 45 נאנ-פראפיט לאנד טראסטס אריבער די סטעיט צו שטיצן פראיעקטן וועלכע באשיצן די וואסער קוואליטעט און פארם לענדער, פארבעסערן פובליק צוטריט צו דרויסנדיגע פארוויילונג און היטן אפ אפענע שטחים צו בענעפיטירן קאמיוניטי געזונטהייט, טוריזם און עקאנאמישע אנטוויקלונג. די אנאנסירונגען רעכענען אריין 67 גרענטס פינאנצירט דורך ניו יארק סטעיט'ס ענווייראמענטאלע באשיצונג קאסע ( Environmental Protection Fund, EPF) וועלכע וועלן איינשפאנען נאך 3 מיליאן דאלאר אין פריוואטע און לאקאלע פינאנצירונג.

"אפהיטונג פון לאנד איז גאר וויכטיג אין ניו יארק'ס קאמף צו פארקלענערן די שאדן פון קלימאט טויש און באשיצן אונזער סטעיט'ס פאראלעללאזע נאטורליכע קוועלער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "שטיצן די קריטישע ארבעט וואס די לאנד טראסטס טוהען אריבער די סטעיט וועט אונז ברענגען נאענטער צו אונזער ציהל צו אפהיטן 30 פראצענט פון פובליק לאנד אין ניו יארק ביז 2030, פארזיכערנדיג אז צוקונפטיגע דורות וועלן האבן צוטריט צו גרינע שטחים און באשיצטע נאטורליכע לענדער פאר ווילדע באשעפענישן."

די 'לאנד טראסט אליאנס' (The Land Trust Alliance) פארטיילט די גרענטס פון דעם אפהיטונג שותפות פראגראם אין צוזאמענארבעט מיט די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC). די 3.075 מיליאן דאלאר אין אפהיטונג שותפות פראגראם גרענטס און די צוגאבליכע 3 מיליאן דאלאר אין פריוואטע און לאקאלע פינאנצירונג וועלן פארשטערקערן די שטאנדהאפטיגקייט פון סטעיט שטחים קעגן קלימאט טויש און זיי וועלן ביישטייערן צו קלימאט לייזונגען דורכן האלטן קארבאן אויף זיך. נאטורליכע קלימאט לייזונגען וועלן האבן א באדייטנדע ראלע ביים אדרעסירן די סכנות וועלכע זענען פארבינדן מיט קלימאט טויש.

**דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט**, "אזוי ווי ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו איינפירן דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ, וועט

די קאפאציטעט וואס ווערט אויפגעבויט דורך דעם אפהיטונג שותפות פראגראם צווישן די לאנד טראַסטס זיין גאר וויכטיג. לאנד טראַסטס שפילן א וויכטיגע ראלע ביים אפהיטן די וועלדער און אפענע שטחים וועלכע וועלן אונז העלפן אנקומען צו אונזערע קארבאן באגרעבעניש ציהלן פון די אריגינאלע פלאן, אריינרעכענענדיג צו אפהיטן נאטורליכע פלעצער אין שוואכערע קאמיוניטיס צו העלפן רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג און קלימאט-טוישנדע שעדליכע גאז עמיסיעס. די DEC לויבט אויס די לאנד טראסט אליאנס פארן אנפירן דעם וויכטיגן פראגראם."

**פרעזידענט און CEO פון די לאנד טראסט אליאנס, ענדרו באומען, האט געזאגט,** "די מענטשן פון ניו יארקער דארפן און האבן ליב אפענע שטחים צוליב די פילע געזונטהייט, פארוויילונג און עקאנאמישע בענעפיטן וואס זיי ברענגען, און די פרישע רונדע פון פינאנצירונג פאר דעם אפהיטונג שותפות פראגראם ווייזט ארויס א שטארקע איבערגעגעבנקייט צו באשיצן די געזונטהייט און וואוילזיין פון ניו יארקער און די ענווייראמענט. די גרענטס וועלן איינשפאנען די שטארקייטן פון ניו יארק'ס לאנד טראַסטס צו באשיצן טייערע לאקאלע דרויסנדיגע פלעצער און העלפן ברענגען וויכטיגע קלימאט בענעפיטן. אין נאמען פון די לאנד טראסט אליאנס אפלאדיר איך גאווערנער קעטי האקול, סענאט מאיאריטעט פירער אנדריע סטוארט-קאַזינס, אסעמבלי ספיקער קארל העיעסטי און DEC קאמישאנער סעגאָוס פאר זייער ארבעט צו פארזיכערן די אנגייענדע פלוס פון ריינע וואסער, דרויסנדיגע פארוויילונג און עקאנאמישע געלעגנהייטן אין די אומשטענדן פון קלימאט טויש."

די גרענטס וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן זענען אין סומעס צווישן $2,960 און $100,000, און זיי רעכענען אריין:

**הויפטשטאט ראיאן - $664,040 אין סך הכל**

- Agricultural Stewardship Association: פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג גרענט, $100,000; טרענזעקשען גרענט, $8,480
- American Farmland Trust: קאטאליסט גרענט, $85,000
- Columbia Land Conservancy: קאטאליסט גרענטס, $115,200
- Greene Land Trust: פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג גרענט, $78,000
- Lake George Land Conservancy: קאפאציטעט גרענט, $23,8000; פאראנטווארטליכקייט און רעסאָרסן פארוואלטונג גרענט, $44,500
- Mohawk Hudson Land Conservancy: פאראנטווארטליכקייט און רעסאָרסן פארוואלטונג גרענט, $20,900; טרענזעקשען גרענט, $19,440
- The Nature Conservancy: קאפאציטעט גרענט, $50,000
- Pitney Meadows Community Farm: קאפאציטעט גרענט, $23,600
- Rensselaer Plateau Alliance: קאפאציטעט גרענט, $23,100; טרענזעקשען גרענטס, $48,500
- Saratoga PLAN: קאפאציטעט גרענט, $23,520

**צענטראל ניו יארק - $88,300 אין סך הכל**

- Cazenovia Preservation Foundation: קאפאציטעט גרענטס, $37,400
- Finger Lakes Land Trust: טרענזעקשען גרענט, $13,000
- New York Agricultural Land Trust: קאפאציטעט גרענט, $37,900

**פינגער לעיקס - $138,100 אין סך הכל**

- Genesee Land Trust: קאפאציטעט גרענט, $49,400; פאראנטווארטליכקייט און רעסאָרסן פארוואלטונג גרענט, $74,400
- Genesee Valley Conservancy: קאפאציטעט גרענט, $14,300

**לאנג איילענד - $253,900 אין סך הכל**

- North Shore Land Alliance: פאראנטווארטליכקייט און רעסאָרסן פארוואלטונג גרענטס, $92,700
- Peconic Land Trust: פאראנטווארטליכקייט און רעסאָרסן פארוואלטונג גרענט, $61,200

**מיד-האדסאן - $870,950 אין סך הכל**

- Delaware Highlands Conservancy: טרענזעקשען גרענט, $27,700
- Dutchess Land Conservancy: קאפאציטעט גרענט $49,000; טרענזעקשען גרענט, $75,000
- Hudson Highlands Land Trust: קאפאציטעט גרענט, $50,000; פאראנטווארטליכקייט און רעסאָרסן פארוואלטונג גרענט, $100,000
- Mianus River Gorge Preserve: פאראנטווארטליכקייט און רעסאָרסן פארוואלטונג גרענט, $39,700
- Mohonk Preserve: קאפאציטעט גרענט, $27,500; פאראנטווארטליכקייט און רעסאָרסן פארוואלטונג גרענט, $50,000
- Orange County Land Trust: טרענזעקשען גרענט, $49,750
- Outdoor Promise: קאפאציטעט גרענט, $24,700
- Pound Ridge Land Conservancy: פאראנטווארטליכקייט און רעסאָרסן פארוואלטונג גרענט, $35,000
- Putnam County Land Trust: קאפאציטעט גרענט, $26,000
- Scenic Hudson Land Trust: קאטאליסט גרענט, $100,000
- Teatown Lake Reservation: פאראנטווארטליכקייט און רעסאָרסן פארוואלטונג גרענט, $51,700
- Wallkill Valley Land Trust: פאראנטווארטליכקייט און רעסאָרסן פארוואלטונג גרענט, $32,500
- Westchester Land Trust: פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג גרענט, $100,000; טרענזעקשען גרענט, $17,400
- Woodstock Land Conservancy: פאראנטווארטליכקייט און רעסאָרסן פארוואלטונג גרענט, $15,000

**מאוהאק וואלי - $51,000 אין סך הכל**

- Northeast Wilderness Trust: טרענזעקשען גרענט, $31,000
- Tug Hill Tomorrow Land Trust: טרענזעקשען גרענט, $20,000

**ניו יארק סיטי - $177,620 אין סך הכל**

- Brooklyn Queens Land Trust: קאפאציטעט גרענט, $33,000
- Green Guerillas: פאראנטוואָרטליכקייט און רעסאָרסן פארוואלטונג גרענטס, $44,620
- The Trust for Public Land: פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג גרענט, $100,000
- Open Space Institute: קאטאליסט גרענט, $75,000

**נארט קאנטרי - $513,790 אין סך הכל**

- Adirondack Land Trust: פאראנטווארטליכקייט און רעסאָרסן פארוואלטונג גרענט, $93,300
- Champlain Area Trails: פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג גרענט, $100,000
- Indian River Lakes Conservancy: קאפאציטעט גרענט $45,800; טרענזעקשען גרענט, $2,960
- Northeast Wilderness Trust: טרענזעקשען גרענט, $69,000
- OBI Land Trust: קאפאציטעט גרענט $18,850; טרענזעקשען גרענט, $7,880
- Open Space Institute: פאראנטווארטליכקייט און רעסאָרסן פארוואלטונג גרענט, $75,000
- Thousand Islands Land Trust: פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג גרענט, $80,000; טרענזעקשען גרענט, $21,000

**סאוטערן טיער - $60,700 אין סך הכל**

- Finger Lakes Land Trust: קאטאליסט גרענט, $60,700

**מערב ניו יארק - $256,600 אין סך הכל**

- Buffalo Niagara River Land Trust: קאפאציטעט גרענטס, $70,000
- Grassroots Gardens WNY: פאראנטווארטליכקייט און רעסאָרסן פארוואלטונג גרענט, $36,600
- Western New York Land Conservancy: קאפאציטעט גרענט $50,000; קאטאליסט גרענט, $100,000

א דעטאלירטע חשבון פון די גרענטס איז פארעפנטליכט אויף די DEC'ס וועבזייטל.

די לאנד טראָסטס וועלכע האבן באקומען גרענטס היי יאר רעכענען אריין 35 אקרעדיטעד לאנד טראָסטס וועלכע האבן באקומען אומאפהענגיגע באשטעטיגונג אז זייער ארבעט און זייערע אפעראציעס קומען נאך הויכע סטאנדארטן פאר לאנד אפהיטונג, פאראנטווארטליכקייט און נאָן-פראפיט פארוואלטונג.
אקרעדיטעד לאנד טראָסטס צו באקומען גרענטס רעכענען אריין די פאלגנדע: Adirondack Land Trust, Agricultural Stewardship Association, Cazenovia Preservation Foundation, Champlain Area Trails, Columbia Land Conservancy, Delaware Highlands Conservancy, Dutchess Land Conservancy, Finger Lakes Land Trust, Genesee Land Trust, Genesee Valley Conservancy, Grassroots Gardens WNY, Greene Land Trust,

Hudson Highlands Land Trust, Indian River Lakes Conservancy, Lake George Land Conservancy, Mianus River Gorge, Mohawk Hudson Land Conservancy, Mohonk Preserve, The Nature Conservancy, Northeast Wilderness Trust, North Shore Land Alliance, Orange County Land Trust, Open Space Institute, Peconic Land Trust, Pound Ridge Land Conservancy, Putnam County Land Trust, Rensselaer Plateau Alliance, Saratoga PLAN, Scenic Hudson Land Trust, Thousand Islands Land Trust, Trust for Public Land, Tug Hill Tomorrow Land Trust, Wallkill Valley Land Trust, Westchester Land Trust, Western New York Land Conservancy און Woodstock Land Conservancy.

זינט דער אפהיטונג שותפות פראגראם איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2002, אריינרעכענענדיג די היי-יאריגע גרענטס, האט שוין דער פראגראם פארטיילט 1,144 גרענטס פאר א סך הכל פון איבער 28 מיליאן דאלאר פאר 94 לאנד טראַסטס. אלעס צוזאמען האט די סטעיט'ס אינוועסטירונג איינגעשפאנט 29.5 מיליאן דאלאר אין צוגאבליכע פינאנצירונג פון לאקאלע און פריוואטע מקורות.

אין דעצעמבער 2022 [האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א געזעץ](#) אוועקשטעלנדיג די ציהל פאר שטיצע אוןביישטייערונג צו נאציאנאלע באמיאונגען צו אפהיטן צום ווייניגסטנס 30 פראצענט פון פאראייניגטע שטאטן לאנד און וואסער ביז 2030. דער געזעץ שטופט פאר א גרעסערע ספעקטרום פון סארטן באשעפעניש און פלאנצונגען און היט אויף ניו יארק'ס ווילדע באשעפעניש, וועלדער און ריינע וואסער קוועלער וועלכע זענען אלע קריטיש פאר ניו יארק'ס געזונטהייט און עקאנאמיע.די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 האלט אויס די EPF מיט א היסטארישע 400 מיליאן דאלאר. די EPF שטעלט צו פינאנצירונג פאר קריטישע ענווייראמענטאלע פראגראמען, צום ביישפיל אפקויפן לאנד, שיצן פארם שטחים, פארמיידונג און פארניכטונג פון אריינדרינגענדע פרעמדע באשעפעניש, פארבעסערונג פון פארוויילונג ערטער, וואסער קוואליטעט פארבעסערונג און אן אגרעסיווע ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט אגענדע.

**איבער די לאנד טראסט אליאנס**
געגרונדעט אין 1982 איז די לאנד טראסט אליאנס א נאציאנאלע לאנד אפהיטונג ארגאניזאציע וואס ארבעט צו ראטעווען די פלעצער וואס מענטשן דארפן און האבן ליב דורכן פארשטערקערן לאנד אפהיטונג אונטערנעמונגען אריבער גאנץ אמעריקע. די אליאנס פארטרעט אומגעפער 950 לאנד טראַסטס וועלכע זענען מיטגלידער, ווערנדיג געשטיצט דורך מער פון 250,000 וואלונטירן און 6.3 מיליאן מיטגלידער איבערן לאנד. די אליאנס איז באזירט אין וואשינגטאן די. סי. און האלט אויף עטליכע ראיאנישע אפיסעס. מער אינפארמאציע איבער די אליאנס איז פארעפנטליכט אויף www.landtrustalliance.org.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן